Bild-Nr.: JG0633-0-01-0002-0001 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.:JG0633-0-01-0002-0002 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

5538

# שבחי

פון

# אבן עזרא

איר ליבע לייט קופט דיא כעשה וועט איר
זעהן גבורות הבורא וואס עש איז כמה
שנים גישעהן וואס צדיקים מיט זייערי
תפלות קאנין מאכין :

עש איז גאניץ אבת וואס דרינן שטייט
אין אייער הארץ וועט אריין קומן
איין פרייד :

ובא לציון גואל וועלין מיר גיט האבן
קיין לייד :

Jud. Germ.

633

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

# איין קונצליכי מעשה פון אבית וואש עש האט זיך גיטראפין מיט דעם הייליגן אבן עזרא

דער אבן עזרא · איז זייער גוט בקאנט אוף דער וועלט דורך זיין הייליג פירוש וואש ער האט גימאכט אוף דער הייליגער תורה מלא חכמה מיט פילוסיפיא :

ויהי היום · איז דער פאטר דעם אבן עזרא צו חלום גיקומן אז ער זאל אוף זיך מקבל גלות זיין דאש הייסט ער זאל נע ונד זיין · ווי ער ווערט איין נאכט נעכטיגן זאל ער דיא אנדרע נאכט נישט נעכטיגין · ווארום אללע גרויסע צדיקים מוזין געביך נע ונד זיין :

בקיצור דער אבן עזרא האט אוועק גיוואנדירט אויף דער וועלט דאס איז גיוועזין פר פסח · אוף פסח איז ער אן גיקומן צו איין ארענדאר · דער ארענדאר איז גיוועזין איין גרוסר צדיק אין איין סכנים אורח דער בעל הבית האט

זייער

STADTBIBLIOTHEK FRANKFURT a. M.

## איין מעשה פון אבן עזרא

זייער געבעטין דעם אבן עזרא ער זאל ביא עס בלייבען פסח : (ומאור הפציר בו) דאש איז טייטש ער האט אים זייער שטארק געבעטין האט ער אים צו ליב גיטאן אונ איז ביא אים פסח גיבליבין · ערב פסח איז צו אים אן גיקומין דריי אורחים · עש האט זיך גידאכט דאש דיא אורחים : זענין זייער שיינה יורען · דער ארענדאר האט זייא זייער פיין אן גענומין זייא זאלין ביא עם פסח בלייבין :

בקיצור דיא אורחים זענין גיבליבין פסח · מען האט זייא אפ גיגעבין איין באזונדרי שטובל נאך דעם סדר :

בקיצור דער הייליגער אבן עזרא מיט דעם בעל הבית האבין אפ גירעדט דעם סדר מן הסתם וויא גרוסע צדיקים · דיא דרייא אורחים זענין גיגאנגין אין זייער שטיבעל אריין אונ האבין זיך גיזעצט שפילען אין קארטין :

# מעשה פון אבן עזרא

בקיצור דער אבן עזרא מיט דעם בעל הבית
זענין גיגאנגין צו דיא אורחים אביסיל
שמוסען פון די נסים פון יציאת מצרים :

בקיצור וויא זייא זענין אריין גיקומין אין זייער
חדר . האבין זייא גיזעהין וויא דוא
דרייא אורחים זיצען אונ שפילען אין קארטין :
זענין זייא זייער דר שראקין גיווארין · ולא יכלו
לענות) דאס הייסט וויא האבין גאר נישט
גיקאנט שמוסין מיט זייא ווייל זיי האבן דאש נאך
קיין מאל ניט גיזעהין אום פסח מען זאל אין קארטין
שפילען.

בקיצור דיא אורחים זאגין צום בעל הבית איר
זאלט וויסין אז מיר וועלין אייך אלע
אויש הארגינין אונ דאס געלט אוועק נעמין אונ
זאגט ווידוי דער אבן עזרא מיט דעם בעל הבית
האבין זיך זייער דער שראקין אונ זאגין מיר
וועלין ווידוי זאגין

בקיצור

# מיעשה פון אבן עזרא

בקיצור דער אבן עזרא דער צדיק מיט דעם בעל הבית האבין זיך גישטעלט וויינין צו גאט מיט דעם גאנצען הארץ אונ האבין גאט גיבעטין אז עש זאל זייא ניסים גישעהין (כימי צאת ישראל מארץ מצרים) דש הייסט וויא אין דיא טעגין ווען יודין זענין אויש מצרים ארויש גיגאנגין (והקב״ה שומע לתפלתן של צדיקים דאש הייסט הקב״ה הערט צו דיא תפלה פון די צדיקים : אונ גאט האט אראפ גישיקט מלאכים פון הימל (ברמות אנשים) דאס הייסט איין גישטאלט פון מענשין אונ זענין צו גיקומן צו דער קרעטשמי מיט גרויש שטארם אונ האבן גישאסין מיט הרמאטין דוא קרעטשמי איז פיל גיווארין מיט פילווער · אלע לייט האבין זיך זייער דער שראקין די דרייא אורחים דיא גזלנים זענין אנטלאפין גיווארין פר גרויש פחד זענין זייא אריין גיפאלין אין דעם טאך וואש אין דעם דארף איז גיוועזין אונ זענין דר טרונקין גיווארין אונ זייא זענין ניצול גיווארין (ממיתה לחיים)

דאש

# מעשה פון אבן עזרא

דאס הייסט פון טוט צום לעבין השי"ת זאל אונז אוך גרושע ניסים טוהין מיר זאלן אוש גלייזט ווערין בקרב ובמהרה אמן סלה:

אחר פסח דער אבן עזרא האט וייטר אוועק גיוואנדירט: אונ דאס ווייסט דיא גאנצי וועלט אז דר אבן עזרא איז גיוועזין איין גרושר ארום מאן· ער האט אפילו גישריבין אונ זיין ספר ווען איך זאל תכריכים פר קויפין וואלט קיין שום מענש גישטארבין· ער איז אבער גיוועזין איין חכם אונ איין פילוסוף אונ איין צדיק וואס למעלה מן הטבע הט ער זיך גימאכט על פי חכמת הטבע איין שעפילי מיט גרושע חכמות אז ער וועט קומן אוף אזו איין אורט וואס איין אוצר לוגט בהאלטן וועט דם שעפילי טאנצין וועט ער קאנין דעם אוצר גיפינין:

דכלל איין ארום מאן האט איין גרוס שלים מזי ער האט אן גיהויבין צו גיין אוף דעם

# מעשה פון אבן עזרא

ים · הט דס שעפילי דר פיהלט אגרוז שן אוצר האט
עס אן גיהובין שרעקליך צו טאנצין אונ איז ארין
גישפרונגין אין ים · הט ער שון גאר ניט גיהאט ·
הט ער גיזעהין אז גאט ב"ה הייסט ער זאל בלייבין איין
ארום מאן · הט ער זייער פר געניגין אונ איז ווייטר
גיפארין אוף דעם ים:

בקיצור דער נאך איז עס גיקומין אין זין ארין עש
איז גישריבין אין תהלים אז די וואש גייאין
אוף דעם ים זעהין גרוסע גבורות הבורא האט ער
גיבעטין השי"ת ער וויל עפיס זעהין גבורות
הבורא:

בקיצור איין מאהל הט ער גיזעהין אגרושין הארין
ארום שטעקין פון דעם וואשער
הט ער גישטראכט מן הסתם איז דאש ניט אום
זאנסט · האט ער גיבעטין דעם שיף קאפיטאן ער
זאל גישווינד צו פאהרין איז ער גישווינד צו
גיפאהרין · הט ער גיליינט אוף דעם הארין איז
גישטאנין

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0006-0009 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## מעשה פון אבן עזרא

גישטאנין אויף לשון הקודש (אני בריה קלה בים גדול אני שית פרסה על שית פרסה למחר אלכה לפומיה דלויתן) דאס הייסט איך בין דם קלענסטי באשעפניש פון ים איך בין גרוס זעקס מייל לאנג אונ זעקס מייל בריט מארגין גייא איך צום מויל פון לויתן הט ער גיזאגט מיין גבורות דארף איך שון ניט זעהין איך ווייש שון וואס גאט ב"ה האט בשאפין אויף דער וועלט וויא גרויש קאן דר לויתן זיין:

בקיצור דר נאך איז ער אוועק גיפארין דריי טאג רייז הט דר ים דו שוף פר ווארפין אויף דעם ים וואס ער איז (מעלה סרחון) דאס הייסט ער שטינקט זייער דארט אז א מענש קומט אהין מוז ער שטארבין ער קומט שון ניט מיין ארוס:

בקיצור דר אבן עזרא מיט דוא אלי שוף לייט זענין דארט נעבין גיבליבין פיל זענין גישטארבין

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

## מעשה פון אבן עזרא
## גשטארבין פר גרוס גסרחה :

בקיצור דער אבן עזרא האט זיך מיישב גיוועזין איך וועל דא אפילו צו קבר ישראל ניט קומין ˙ הט ער גינומין איין גרושה פעל וואש אוף דר שוף איז גיוועזין אונ הט זיך איין גינייט דש זאל הייסן פר איין קבר ˙ השי״ת הט אבר גיוואלט דאבין ער זאל האבין צו דר ציילען גבורות הבורא :

בקיצור איז גיקומין איין פוגעל אונ הט גימיינט אז דאס איז אשטיק פלייש אונ האט עם גיחאפט אונ גיטראגין אפשר הונדערט מאל אוף דר יבשה ארוס . ווי דער פוגעל האט אים אן גיהובין צו עסין האט ער דר זעהין איין לעבעדיגן מענש הט ער זיך דר שראקין אונ איז אנטלאפין גיווארין ˙ איז שון דר אבן עזרא גיוועזין אוף דר יבשה :

בקיצור הט ער אן גיהובין צו גיין ˙ אין איין גיגאנגן

## מעשה פון אבן עזרא

גיגאנגין דרייא טאג אונ דרייא נעכט ביז ער איז גיקומין צו איין גרוסע הייל נוא וואס זאל ער נעביך ווישן ער גייט אונ דער הייל אריין · הט ער ניט גיזעהין קיין שום מענש נאר אוף דעם קיימען איז גישטאנין זייער פול עסין ווי פר הונדערט מענשן אונ ווין איז גישטאנין זייער פיל אונ איין שיין בעטיל אום גיבעט אונ אלער האנד כלי זמר הט גיהאנגין איבר דעם בעט אונ איין טיש איז גישטאנין מיט קונצליכע כלים וואס ער האט אזעליכים נאך אונ זיינם לעבין ניט גיזעהין ער וואנדרט זיך זייער דרובר אונ ווייסט ניט וואס זיין סוף קאן דא זיין ·

בקיצור ער הייבט אוף דו אוגין צו גאט אונ זאגט הער פון דער גאנציר וועלט איך פרלאז מיך אוף דיר ווי דוא האשט מיר גיטאן ניסים ביז אהער ווערסטו מיר ווייטיר טון אונ איך וועל שון בקאנט מאכין איף דר וועלט וואס פר איין גרוסר גאט דו ביסט :

בקיצור

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0007-0012 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## מעשה פון אבן עזרא

בקיצור דר אבן עזרא הט זיך גינומין עסין אונ
טרונקין אונ הט גגעסין אונ גטרונקין אונ
גיבענשט אונ הט זיך גילייקט שלאפין אונ דר הייל
איז אבר גיזעסין איין רוז פון דוא הונטש קעפ וואש
זייער טבע איז אז זיי קריגן איין מענש גיבין זייא אים
אזו לאנג עשין אונ טרונקין ביז ער ווערט פעט אונ אז
מען גוט אים אשטאך אונ קליינם פונגריל מוז גיין
שמאלץ אונ דר נאך בראט מן אים אונ מען עסט אים
אוף דר רוז איז אבר דר וויל גיוועזן אונ פעלד אונ
גיפאסט דו שאף :

בקיצור ווי דר רוז איז אהיים גיקומין זעהט ער
עס פעלט פון עסין: אונ פון טרונקן
הייבט ער אן צו זוכן אונ גפונט דעם אבן עזרא
שלאפין ער וועקט אים אוף אונ גוט אים נאך
אמאל עסין אונ טרונקין אונ געמט אים זייער
שיין צו אונ זאגט צו אים זארגט גאר ניט בעסטיר
פריינד דא ווערט איר האבין גוט צו עסין אונ צו
טרונקין

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

# מעשה פון אבן עזרא

טרונקין אונ צו שלאפין איר וועט לעבין אן דאגות דעם אבן עזרא איז אבר דס גאר ניט גיגאנגין אונ הארץ אריין ער טראכט זיך איך וועל בעסיר זיין צווישן מענטשין אונ מיין מדינה נאר וואס קאן ער טון ער איז דארט גיזעסין פיר חדשים אונ גיגעשין אונ גיטרונקין :

בקיצור איין מאל האט ער זיך מיישב גיוועזין וואס קאן דא מיין סוף זיין איך מוז צו רוק אונ מיין מדינה אריין הט ער זיך אן גישארפט איין מעסיר ווי דר רוז האט זיך גילייגט שלאפין הט ער אים אויש גישטאכין דס אויג ווארום דו ווילדי מענטשין האבין נאר איין אויג אונ הארץ ווי ער הט דעם רוז דס אויג אויש גישטאכן הט ער זייער אן גיהויבין צו וויינין אונ הייבט אן צו זוכין דעם מענטש ער קאן אים אבר ניט גיפונין ווייל ער הט זיך בהאלטין אונ דר הייל צווישן די שאף :

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0008-0014 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# מעשה פון אבן עזרא

בקיצור דער רוז הט זיך מיישב גוועזן אונ הט געפינט איין קליין טיהריל אונ האט אן גיהובין די שאף איינציג ווייש ארויש צו לאזין אונ הט גיטאפט אוף איטליכר שאף טאמיר הט ער זיך גזעצט ראטין אונ ווערט אזו ארויש קומין :

בקיצור וויא דר אבן עזרא האט דש נעביך גיזעהן הט ער השי"ת זייער שטארק גיבעטין ער זאל דא בשערימט ווערן פון זיינה הענד האט אים גאט ב"ה גישיקט אונ זון ארויין · הט ער זיך אן גיחאפט ביי איין גרושי שאף אוף דעם בויך אונ דר רוז האט נאר גיטאפט אוף דעם ריקן · אונ מיט דר המציאה איז ער ארויש גיקומין :

בקיצור וויא ער איז ארויש גיקומן ער הט אן גהובין צו גיין צום ים · איז גשטאנין איין שיף · ער הט זיך גשווינד משווה גוועזין אונ איז אוף ג זעסין אויף דר שיף ·



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0009-0015 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main .

# מעשה פון אבן עזרא

וויא דר רוז האט ארויש גילאזט אלי שאף אונ האט אים ניט גיפונדין איז ער ארויש. גגאנגין אונ האט אן. גיהובן צו שרייען אוף זיין גרושין קול זענין. גיקומין זעלכי ווילדי מענטשין זייער פיל אונ האבן אן גיהובין דיא שיף נאך צו יאגין זייא האבן אבר שון. די שיף ניט גיקאנט. קריגין האבן זייא נאך. גיווארפין גאנצי ביימר מיט די ווארצלין אבר זיי זענ"ז לשלום אנטלאפין:

בקיצור לאמיר לאזין דעם בלונדין ריז אונ ליידין אונ לאמיר פון דעם אבן עזרא שמועסין אונ גרושי פריידין:

בקיצור דר אבן עזרא איז גיקומין אונ איין גוויסין שטאט וואש היישט עד היום ראטרידם דארט איז ער גיווארין איין רב דו שטאט לייט האבן אים זייער ליב גיהאט ווייל זייא האבין גיזעהין ער איז אגרוישר למדן אונ איין צדיק אונ איין גרוישר חכם אונ איין גרוישר פילוסוף ער

איז

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0009-0016 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## מעשה פון אבן עזרא

איז דארט געזעסן בכבוד גדול אונ איז גיוואורן א גרושר חשוב ביי דעם קיניג פון דר שטאט וייל ער האט גיזעהן פון אים גרושי חכמות ׃

ויהי היום איז דר קיניג פון דר שטאט גיזעסין צווישן גרושי מלכים אוף איין סעודה האט מן גשמוסט פון איין גלח דש ער איז איין גרושר קינצלר אזו האט זיך דר קיניג פון דר שטאט ראטרידאס אן גירופין בייא מיר גיפונד זיך איין יוד איז ער איינר אוף דר וועלט אזו איז גבליבין צווישין די מלכים אז מען זאל אים ברענגין כדי ער זאל עפיס בווייזין ׃

בקיצור מען האט נאך אים גישיקט אונ די קיניגין האבין אן גיהובין צו קלערין וואש מען זאל היישין מאכין איז גבליבין צווישן זייא אז זיי ווילין זעהן דיעם יודשין הויבט מאן וואש ער הייסט יואב בן צרויה אונ אזו איז גיבליבין ׃

בקי צור.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

# מעשה פון אבן עזרא

בקיצור מן הט גיהיישין מאכין אונ מיטין דר שטאט
איין גרווישי גאלארי אונ מען האט בשטומת
איין טאג וואש דר היליגר אבן עזרא זאל דאש
מאכין :

בקיצור דר גלח האט גמאכט איין אן שטעל
מיט דעם בויא מיינסטר אז בייא
דעם טיריל זאל ער אויף מאלין איין צלם
כדי מיט שמות הקדושים זאל ער גאר ניישט
קאנין טין דר בויא מיינסטר האט אזו גימאכט
איין קליין טיריל מיט איין צלם וויא דר אבן
עזרא הט גוואלט אריין גיין האט ער דר זעהין
דעם צלם הט ער בשום אופן ניט גיוואלט
אריין גיין. ביז מן הט דאש טיריל צו היקט
דה נאך אז ער אריין יגאנגין אונ דר גאארי
אונט גיהיישין זייני תלמידים זאלין זיך מיבל
זיין אונ דריי שטילין מיט דיעם טישל וואש ער
פלעגט

## מעשה פון אבן עזרא

פלעגט לערנין דרויף און מיט זיין קידוש בעכיר מן
האט אזו גיטואין ·

בקצור דר נאה הט זיך גיזעצט דער אבן עזרא מיט זיינה תלמידים און מוטן דר גאלארי און האט אן גיהובין צו ברובין מיט הייליגי שמות די אלי מלכים מיט שרי מלוכה און און אנדרי גרושי שררות זענין גיזעסין און האבין גיזעהן ׃

נוא האט זיך אן גיהובין דאש דעקיל פון דם קידוש בעכיר ביסליך וויים צו רורין איז ארויש גיקומין גאנץ באמליך דר קאפף דר נאך דוא ארום מיט די הענד ביז וואנין דר גאנציר גוף איז ארויש און ער איז באמעליך אראפ גיגאנגין פון דעם טושיל און האט אן גיהובין ארום צו גיין און דער גאלארי און אלי האבין גזעהן דש ווינדר ·

בקיצור

# מעשה פון אבן עזרא

בקיצור זייא זענין כמעט אוש גגאנגין פאר
שמחה זייא האבין אזעליכום נאה נישט
גיזעהין אונ זייער לעבין אונ האבין אלי גישריגין
בראווא בראווא :

גוא דער קרון פרינץ איז אבר דר בייא
נישט גוועזן ער איז גראד אן גקומן פון
ענגלאנד האט מען איהם דר ציילט דאש גרושי
ווינדר אונ זייער גרומט חאט ער זייער גבעטין
דעם פאטיר ער וויל אוך זעהן אמאל דאש קינצשטיק
אזו איז גיבליבן צווישן אלי שרי מלוכה
אז דר גלח זאל דאש אויך מאכין נאה אמאל
וכך היה ניט אנדרשט נאר דר גלח זאל דש
אויך מאכין ·

גוא דעם גלח איז אבר זייער ווי גיוועזן ער
האט שון גיוויסט פון זיין שווארצין
סוף

# מעשה פון אבן עזרא

סוף צו זאגין עש האט אבר גאר ניט גיהאלפין ער הט דש אוך גימוזט מאבין.

בקיצור ער האט גברענגט צוועלף שטוהן מיט זיין שטול אונ מיט איין בעבר
אונ האט אנידער גיזעצט צוועליף גלחים זיינע תלמידים אונ האט גימאכט מיט שמות הטומאה:

נוא וויא אלי שרים ומלכים האבין גיזעהין איז פליצ'ינק גיווארין איין גרושר רעש •
דאש דעקיל פון דעם בעכיר הט אפאל אראפ גיטואין אוף דער ערד אונ דר יורשר הייבט מאן יואב בן צרויה איז ראפטום אשפרונג אראפ גיטואין פון דעם בעכיר אונ הט אגרושין גשריי גיטואין:

כאשר יהום הארי לטרוף טרף בינת

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0012-0021 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## מעשה פון אבן עזרא

רעבון דאש איז טייטש אזו וויא איין לייב טוט ברומן עפים צו פאר צוקין ווען ער איז הונגריג אונ האט גינומין דיא שווערד אונ הט אפאך גיטון איז דער גלח מיט צוועלף תלמידים באלד צו שוט גיווארין איף אש אונ אלי שרים האבין אן גיהובין אראפ צו פאלן פון דוא הוכי בענק ווי דר שטייגר איז ביי איין טעאטיר :

בקיצור עש איז גיווארין איין גרויש גישריי דער קייזר מיט אלי מלכים זענין צו גילאפין צום אבן עזרא אונ האבין איהם אן גיהובין צו בעטין ער זאל שון צו ריק גיין ווארום אלי מענטשין זענין שיעור נהרג גיווארין :

נוא וויא דער אבן עזרא איז צום הייבט מאן יואב בן צרויה צו גיגאנגין אונ האט אים זייער שטארק איבר גיבעטין ער הט

דאש

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0012-0022 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## איין מעשה פון אבן עזרא

דאש נאר גיטואין פון גאטש כבוד וועגין
כדי עש זאל נאר פון דוא הייליגע יודין
וועגין זאל עפים טובות ארויש
קומין:

בקיצור נוא וויא דער הייבט מאן איז ווידר
צו רוק גיגאנגין בנחת און אלי
שרים ומלכים האבין זייער שטארק גידאנקט
דעם אבן עזרא און האבין צו גיזאגט יודין
דער דורך גרושי טובות צו טאין און זעניין
בשלום אהיים גיגאנגין. און דעם אבן עזרא
הט מן בכבוד אהיים גישוקט:

בקיצור וויא דער אבן עזרא איז בשלום
אהיים גיקומין און דיינה ווייב
און קינדר האבין אים דער זעהין זענן זיי
דער פרייד גיווארין און דאש ווייב מיט די
קינדר האבן גאט גילובט אלי מיט אנגדר
און

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

# מעשה פון אבן עזרא

אונ דער אבן עזרא האט גילאזט אויש רופין אונ אלי שולין אונ אלי בתי מדרשות מיט דעם בפעל פון דעם קינוג פון דער שטאט ראמרידאם אז מען זאל דיא יהודים גרושי טובות טואין דורך דעם וואס ער האט גיטאט דעם הויפנונג צו גאט ברוך הוא:

בקיצור דוא יהודים האבן גרוישי טובות דער פון בקומין השם יתברך זאל אונז במהרה מיט זיין דער בארומקייט איין גרושי טובה טואין דער הייליגר משיח זאל שון קומין אז מיר זאלין אויש גילייזט ווערין פון כל הצרות אונ מיר זאלין נאר האבין ששון ושמחה ושיבנה בית המקדש במהרה בימינו:

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0013-0024 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

## מיעשה פון אבן עזרא

די מעשה הט זיך גטראפין אונ דעם יאר מיינע ליבע רבותים עס איז פאר אוודאי ווָאר אוך איז ניט קיין אוש ברענגריי אז מיטוט איין מעשה קויפין ווארין לכך נוצר דר מענש איז פון דעשט וועגין ביא שאפין גיווארין אז ער זאל צו נייע זאכין לופין :

ובפרט בעתים הללו דאס הייסט אונ דו שלעכטי צייטין עש זאל אביסיל דיא זארג פאר טראבין פון דיא לייטין ובפרט וויא עס האט זיך גיפירט מיט דעם הייליגן אבן עזרא אונ וויא פול נוטין ער איז גיוועזין אונ דורך זיין פרומקייט הט איכגאט ניהלפין אונ דט אליץ פר ליב אן גינומין ווָרום ער האט גיזעהין אז ער איז אונ זיי מזל גיבארין גיווארין בכן בעט איך אייך מייני ליבע לייט אז איר זאלט אוך ניט מתרעם זיין קעגין גאט אז גייט אייך חס ושלום שלעכט עטץ זאלט נאר האפין צו גאט אונ בעטין צו גאט בלב שלם דאש הייסט מיט דעם גאנצין

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0014-0025 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main.

## מעשה פון אבן עזרא

גַאנְצִין הַארְצִין אַז עֶר זָאל אַייך הֶעלְפִין
אוּם אַייעֶרִי נוֹטִין אַזוּ וִויא דֶער הַיילִיגֶר
אֶבֶן עֶזְרָא אִיז גִיהָאלְפִין גִיוָוארִין זַיין זְכוּת
זָאל אוּנְס בַּיי שְׁטֵיין לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם
דָאס הַיישְׁט צוּ אוּנְז אוּנ צוּ
אוּנְזֶרֵי קִינְדֶר אוּף אַייבִּיג
מִיר זָאלִין דָר לֶעבִּין עַד
בִּיאַת הַגוֹאֵל מִיר זָאלֶן
בְּקָרֶב אוּם גִילַייזְט
וֶוערִין אוּם דֶעם
בִּיטֶרִין גָלוּת בִּמְהֵרָה
בְּיָמֵינוּ אָמֵן :

1729/2

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG0633-0-01-0014-0026 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main